№ 33 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. פינפטער יאָהרגאַנג. פרייז 20 גראשען "CZĘSTOCHOWER CAJTUNG".

# טשענסטאָכאָווער צייטונג

אַנאָנסען-פרייז:
פאר א מילימעטער שורה
פאר'ן טעקסט 24 גראָשען נאָכ'ן טעקסט 18 גראָשען.
אין טעקסט 60 גראָשען.
פאר'ן אינהאלט פון די אַנאָנסען איז די רעד. נישט פעראַנטווארטליך.

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. טעלעפאן 201.

אַבאָנעמענטס-פרייז
א נומער 20 גראָשען.
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

Piątek, dnia 6 sierpnia 1926 ליכט צינדען 7 מיט 2 פרייטאג פ' ראה כ"ו מנחם אב תרפ"ו.

# דער גרויסער אינטערעס אין דער פרעסע מיט די ערקלערונגען פון טשענסטאָכאָווער זדות ה' פּשאַנאָווסקי אין שווארצבארד-פראַצעס

## די "טשענסטאָכאָווער צייטונג" האט די ערשטע פערעפענטליכט דאס דאזיגע וויכטיגע מאטעריאל.

נאָך מיט עטליכע וואָכען צוריק האט אונזער מיטארבייטער ה' מענדיל אש (רעב רב"ס זוהן) פערעפענטליכט אין אונזער צייטונג נר. 29 פון 9 יולי, מאַטעריאלען וועגען פעטלורא'ס אנטייל אין די פּאָגראָמען אויף יודען אין אוקראינא. די דאזיגע מאטעריאלען האט ה' אש געשעפט פון א געוועזענעם הייגען אַגראָנאָם ה' הענריק פּושאַנאָווסקי, וועלכער איז אין דער צייט פון פעטלורא'ס הערשאַפט אין אוקראינא געווען אטאשע און קאָמענדאַנט פון שטאב פון דענישען רויטען קרייז אין פּראָסקורא.

די ערקלערונגען פון ה' פּושאַנאָווסקי, וועלכע מיר האבען דאן פערעפענטליכט וועגען פון אַנ'אונגעהויערער וויכטיגקייט און האבען א נאַטירליכע באדייטונג פאר'ן שווארצבארד-פּראָצעס.

מיר האבען באלד פערשטאנען, אז די דאזיגע ידיעה וועט ארויסרופען די געהעריגע פעראינטערעסירונג אין די קרייזען, וואס פערנעמען זיך מיט פער-טיידיגען שווארצבארד'ן און וועלען בעווייזען פאר דער וועלט פעטלורא'ס שולד אין די שחיטות אויף יודען.

וויקליך האט זיך דערויף באלד אָנגערופען דער יודישער היסטאָריקער ה' טשעריקאָווער אין בערלין, אונטער וועמעס אויפזוכט עס געפינט זיך דאס גאנצע א-ביה-מאטעריאל וועגען די אוקראינער - פּאָגראָמען און וועלכער וועט זיין אויפ'ן פּראָצעס די רעכטס-האנד פון שווארצבארד'ס פערטיידיגער אדוו. טאָרעס.

ה' טשעריקאָווער האט אין זיין רעפעראט אין בערלין וועגען די אוקראַאינער פּאָגראָמען, וועגען וואס מיר האבען אבגעדרוקט א גרעסערן בע-ריכט אין פריערדיגען נומער פון אונזער צייטונג, צוגעגעבען א וויכטיגע בעדייטונג דעם עדות-זאָגען פון ה' פּושאַנאָווסקי און אנגערופען איהם אלס איינעם פון די הויפּט-עדות אויפ'ן פּראָצעס.

די וויכטיגע געשעפענע פון אונזער מיטארבייטער, ה' מענדיל אש מיט'ן ה' פּושאַנאָווסקי האבען דערפיהרט דערצו, אז דער לעצטער האט זיך גע-וואָנדען וועגען דעם וועלכען ענין צום אדוואקאט סטעפאן מיצקעוויטש, אן' איינקעל פון גרויסען דיכטער אדאם מיצקעוויטש, אז אויך ער איז גרייט, אזוי ווי מיצקעוויטש, טרויסצוטרעטען אין פּאריז אלס עדות אין שווארצ-באַרד-פּראָצעס.

א דאנק דעם אלעם האבען זיך לטעט אין דער גאנצער פּויליש-יודישער פרעסע, אזוי וועגען בעוויזען ידיעות וועגען ה' פּושאַנאָווסקי'ס סענסאציאָנעלע ערקלע-רונגען און אין צוזאמענהאנג דערמיט וועגען דינסטאג פערגעקומען נאך טשענסטאָכאָווער פערשטעהער פון די גרעסטע יודישע צייטונגען, די גרויסע זשורנאליסטען איז בעשטאנען פון בע-קאנטען פראנצויזישען ליטעראט און מיטארבייטער פון די גרעסטע פּאריזער צייטונגען ה' בערנארד לעקאש, וועלכער האט פאחרענדיג נאך דרום-לאנד צו זאמלען מאטעריאלען וועגען די אוקראינער פּאָגראָמען, זיך גרייט געפונען אין פּוילען, ה' לעסקי אלס פערשטעהער פון די "ווארשאווער" צייטונגען "מאָמענט" און "נאש פּשעגלאָנד" און ה' גלפערין פון "היינט" און דער לאָדזשער פרעסע.

דורך דער פערמיטלונג פון ה' אש האבען זיך די אלע זשורנאליסטען צו-זאמענגעטראָפען מיט'ן ה' פּושאַנאָווסקי און צוזאמען אויסגענומען פון איהם די נויטיגע ערקלערונגען אין דאזיגען וועלט-פּראָצעס.

די נעכטיגע ווארשאווער און לאָדזשער פרעסע איז ציליעב דעם שוין פול מיט ידיעות, וואס זייערע מיטארבייטער האבען בעקומען פון ה' פּושאַנאָווסקי און וועלכע, ווי מיר האבען שוין אנגעוויזען וועגען די ערשטע פערעפענטליכט געוואָרען אויף די שפּאלטען פון אונזער צייטונג.

WYSTAWA

ROLNICZO-PRZEMYSŁOWA w CZĘSTOCHOWIE

12—31 sierpnia 1926 r.

Informacje i zapisy w Biurze Zarządu w Częstochowie, ul. Panny Marji 62, telefon 180.
Tamże przyjmuje się zgłoszenia mieszkań i pojedyńczych pokojów.

Tow. „WYSTAWY POLSKIE",
Warszawa, Wierzbowa 11.

דערמיט ווערט מיטגעטיילט אלע מיטגליעדער (אודזיאלאָוועס) פון באנק ספּולדזיעלצי, אז זונטאג, דעם 8 אויגוסט, 3 נאָכמיטאָג וועט אין לאָקאל פון טורן-און ספּאָרט-פעראיין, פאָרקומען די פאָרטזעצונג פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג, וועלכע וועט זיין גילטיג ביי יעדע צאָהל אנוועזענדע מיטגליעדער.

דער ראט און די פערוואלטונג פון דער באנק ספּולדזיעלצי.
דאס פּרעזידיום פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער פריינדין
פרל. רחל'ע טענצער
מיט ה' בן-ציון ביבערמאן פון ראדאָמסק
ווינשען מזל טוב
שמעון באָשטאן און פרוי.

KAPELUSZE wykwintne, w wielkim wyborze, polecam w moim nowootworzonym magazynie
SALA GOLDMAN, I ALEJA 6.

4-ro MIESIĘCZNE WIECZOROWE
lekcje buchalterji
MIECZYSŁAWA ROZYNESA W CZĘSTOCHOWIE
rozpoczynają się
w ŚRODĘ, d. 11-go SIERPNIA
Absolwenci otrzymują dyplomy (świadectwa) po złożeniu egzaminu wydane przez
Profesorów Akademji Handlowej w Krakowie.
PROGRAM BUCHALTERJI kupieckiej, bankowej i przemysłowej (fabrycznej) wydaje się bezpłatnie.
Płaci się tylko za 4 miesiące w ratach miesięcznych.
Informacje i zapisy na miejscu 2 aleja 40, prawa oficyna, na parterze codziennie od godz. 1—3 p.p. i od godz. 5—8 wiecz. z wyjątkiem czwartków i piątków.
Warunki bardzo przystępne.
Ilość uczni ściśle ograniczona.

SAMUEL KATZ
krawiec damski
POWRÓCIŁ
i przyjmuje nadal zamówienia w zakres wchodzących:
wszelka konfekcja futrzana i ubiory damskie.
CZĘSTOCHOWA, ul. P. MARJI 20
telef. 2-12.
Nadeszły najnowsze materjały i modele na rok 1927.

Alte 1000 Mk. Scheine
100.— 50 — u. 20.— Mk. Scheine
Besitzer solcher deutschen Reichsbanknoten m. Ausgabestempel bis 15|2. 1919, die auf ihre berechtigten Ansprüche betreffs. Aufwertung nicht verzichten wollen, senden sofort ihre Adresse mit Rückporto versehen an:
Kaufmann Erich Preukschat
Berlin W. 30. Motzstr. 7.
Organisationsleiter der Hauptmeldestelle f. d. Ausland im Reichsbankgläubiger-Verband.

דאנקזאגונג.
אונזער איניגסטען דאנק דריקען מיר אויס דעם ה' דאָקטאָר יוזעף רום פאר זיין זעלטענע וואונדערבארע געטרייטשווילפּליכע לייסטונג און איבערגעבענהייט ביי דער געבורט פון אונזער טאָכטער.
אהרן יוסף דאנציגער און פרוי.

Szkoła Rzemiosł dla Żydów
w Częstochowie
podaje do wiadomości, że przyjmuje zapisy na rok szkolny 1926|27.
Rok szkolny rozpoczyna się z dniem 25 sierpnia.
Warsztaty szkolne wykonywują wszelkie roboty wchodzące w zakres stolarstwa i ślusarstwa, prędko, solidnie i po cenach przystępnych.

"RAJ"
SAMOPIORĄCY
PROSZEK MYDLANY
IDEALNIE PIERZE
I BIELI BIELIZNĘ
MAJDE i S-ka
Warszawa-Okopowa 15

אווענד-קורסען פאר האנדווערקער-לערן-יוגנט
אין טשענסטאָכאָוו

פון 1 ביז 29 אויגוסט ד. י. וועלען אנגענומען ווערען איינ-שרייבונגען צום נייעם שוהל-יאהר 1926|27.

די איינשרייבונגען וועלען פארקומען אין דער קאנצעלאריע פון דער היגער האנדווערקער-שולע (גאַרנצאַרסקאַ 8|10) טעגליך פון האלב 8 ביז האלב 9 אָוונד.

די עקזאמענס וועלען פאָרקומען דעם 29, 30 און 31 אויגוסט.

בעמערקונג: די קאנדידאטען דארפען בעם איינשרייבען פאָרשטעלען מעטריקעס ווי אויך שול-צייגנישען.

נייע הערינג
אוליקעס געזונטע פעטע
צו 70 זלאָטעס א האלב פעסיל
ביי ראָזענטאל, אלעע 7

קאָנדאָלענציע.
טיעף געריהרט און ערשיטערט צוליעב'ן טוים פון אונזער פריינדינס מוטער
קריינדל רייכער
דריקען מיר אויס אונזער פריינדין נאטקע דעם טיעפסטען מיטגע-פיהל און מיטבעדויערן.
העלא לובלינג, הערשל יאַרזאמבעק, סאלא און נחום טשעבי-נער, ש. מ. פריישמאן, סאלא לובינסקא, חוה גאָטליב, דוד שטרויסמאן, יודל קראקאָווסקי און פ. אלטמאן.

מאָנטאג, 22 טאָג אין אָב איז נאָך א לאנגע און שווערע קרענק פון אונז צוגענומען געוואָרען אין עלטער פון 75 יאהר אונזער פאָטער
אברהם ב"ר צבי גראַנעק ז"ל
וועגען וואס עס זענען מודיע די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
פרוי, זיהן, טעכטער, שנור, איידעם'ס, אייניקלעך און אוראייניקלעך.

Najsilniejsze bóle głowy usuwa.

# פערשפעטיגט נישט!

„איהר טוט די אַך שרייבען אַ זעהר װאַרים אַרטיקעל, איהר טוט אַביסעל רעדאַקטירען די היגע יודישע הערצער װאָס זענען אייז-קאַלט".

מיט די דאָזיגע װערטער האָט מען אונז מקבל-פנים געװען, װען מיר זענען אַריינגעקומען אין גמינע - לאָקאַל אין די בּעשטימטע שעה'ן װען די מיטגלידער פון רעטונגס-קאָמיטעט זיצען גרייט אָנצונעמען די נדבות װאָס די היגע יודען דאַרפען ברענגען פאַר דער רעטונגס-אַקציע.

מיר האָבען זיך בּאַלד נישט פאַרגעשטעלט אַז מיר װעלען דאָרט טרעפען שטעהן לאַנגע רייהען מענשען װאָס װעלען זיך שטופען אַהעקצוגעבען זייערע נדבות, אַזוי װי מען טהוט דאָס אין מאַניפּאַרטס אָדער אין „אורזאָנד סקאַרבאָװי". אָבער פאָרט האָבען מיר געגלויבט אַז אין די דערמאַהנטע שעה'ן װעלען מיר טרעפען אַ געװיסע צאָהל פערזאָנען װאָס װעלען קומען בּעצאָהלען זייער חוב, און װעלען גוטװילינג ברענגען זייערע נדבות פאַר זייערע פעראָרימטע און געדריקטע ברידער.

אייגענטליך האָבען מיר דאָרט גע-טראָפען שטעהן אין דער רייהע אַ געװיסע צאָהל פערזאָנען װאָס האָבען זיך געשטופט צום אָרט װאו די קאָמיטעט-מיטגלידער זיצען, אָבער דאָס זענען געװען די „נעמער", די פערזאָנען פאַר װעלכע ס'איז פון די אַמעריקאַנער געלדער בּעשטימט געװאָרען געװיסע הלואות אָדער איינמאַליגע נתינות. זיי זענען געקומען פונקטליך, און מיט שטראַהלענדע אויגען און הערצער פול האָפנונג, נעמען זיי די מטבעות װאָס זיי בּעקומען אויף די בּעשטימטע פּונקט אין דער היגער יודישער באַנק. דאַגעגען פון די געבער, פון די נותנים, װאָס האָבען דאָס געזאָלט קומען און ברענגען זייערע נדבות, האָבען מיר קיין איינעם דאָרט נישט געטראָפען.

אַדורכזעהענדיג די ליסטע פון די נותנים, פון די יודען װאָס האָבען פאָרט געפיהלט אויף זיך דעם חיוב צו קומען און אָפּגעבען זייערע נדבות, װעמעס צאָהל עס איז זעהר קליין און אומבּעדייטענדיג אין בּעצוג צו דער היגער יודישער בּעפעלקערונג, האָבען מיר דאָרט געפונען כמעט אויסשליסליך מענשען פון מיטעלשטאַנד, װעלכע פיהלען נאָך װי עס איז די נויט פון זייערע ברודער, דאַגעגען פון די רייכערע, פון די װאָס האָבען אייגענטליך געדאַרפט זיין פון די ערשטע נותנים, האָבען מיר כמעט קיינעם דאָרט נישט געפונען.

און עס װילט זיך דאריבער פרעגען טאַקי אָט די טשענסטאָכאָװער יודען:

צי זענען שוין װירקליך אייערע הערצער אַזוי פערשטיינערט, אַז די טרויעריגע לאַגע פון אייערע ברידער מיט זייערע אומגליקליכע פאַמיליעס קען זיי נישט ריהרען?

צי זענען אייערע אויגען אַזוי פערבלענדעט, אַז איהר זעהט נישט דאָס שוידערהאַפטע בילד?

צי זענען אייערע נערװען שוין אַזוי פערטעמפּט, אַז זיי װערען נישט ערשיטערט פון דעם װאָס קומט פאָר אויף דער יודישער גאַס?

צי האָט מען נאָכנישט גענוג גערעדט און אַפּעלירט צו אייער געװיסען, צו אייער יודיש האַרץ און אייערע מענשליכע געפיהלען? אָדער צי פאַרמאָגט איהר נאָרנישט אָט די אַלע זאַכען?

און צי װירקען שוין נישט אויף אייך אפילו די װאַרנונגען פונם כלל, פונ'ם היגען יודישען ציבור, און צי װילט איהר שוין באמת מיט איהם איבּעררייסען און קיין בּעציהונגען מיט איהם נישט האָבען?

ניין! מיר גלויבען דאָס נישט, מיר קענען דאָס נישט גלויבען, מיר זענען װייט פון חושד זיין דעם רוב פון היגע יודען, װאָס האָבען זיך אין דער רעטונגס-אַקציע נאָך נישט בּעטיילוגט, אַז זיי זאָלען חלילה שטעהן אויף אַזאַ מדרגה, און מיר זענען זיכער, אַז דאָס זענען נאָר די פאָלגען פון נאַכלעסיגקייט, פונם אָבלעגען אויף שפּעטער און טראַכטען אַז ס'איז נאָך צייט, אַז ס'װעט שטענדיג צונוצקומען.

און דאריבער װילען מיר אייך דערמאָנען, אַז איהר טשענסטאָכאָװער יודען, האָט שוין גענוג די זאַך אָבגעלעגט און אָבגעשלעפּט אַז די לאַגע איז אויפ'ן העכסטען אויבען געפעהרליך און קאַטאַסטראָפאַל, און אויב איהר װילט נישט טראָגען קיין אחריות פאַר די פאָלגען. אויב איהר װילט האָבען אַ ריין און רוהיג געװיסען טאָר איהר קיין מינוט נישט װאַרטען, פונקט איהר מיינט װען עס איז אייגענטליך דער לעצטער טערמין, קומען און בּעצאָהלען אייער חוב.

**י. פ.**

# פון דער װאָך.

— װי מען אינפאָרמירט אונז װערט איצט געפיהרט אַ מיינונג'ס - אויסטויש צװישען די פּױלישע װירטשאַפט-פאַקטאָרען און דער רעגירונג, װעגען דעם קורס אויף װעלכען דער זלאָטי זאָל סטאַבּיליזירט װערען. די װירטשאַפטליכע פאַקטאָרען פערלאַנגען אַז די רעגירונג זאָל זיך דאָס שנעלער דעצידירען אויף װאָס פאַר אַ נייעם קורס מען זאָל סטאַבּיליזירען דעם זלאָטי און דאָס געזעצליך אַדורכפיהרען, כדי מען זאָל נישט קיין מורא האָבען פאַר אַ װייטערער שװאַנקונג פון זלאָטי. אויף דעם ספק װעט מען קענען אַרויסלאָזען אַ נייע עמיסיע באַנקנאָטען, אויף אַ סומע פון 900 מיליאָן זלאָטעס, װעלכער װעט האָבען אַ נאָרמאַלע געלד-דעקונג.

— װעגען די הוצאות װאָס די פּױלישע רעגירונג מאַכט אויף דעם שטודיום פון פּראָפ. קעמערער, װערט איבּערגעגעבען אַז טראָץ דעם װאָס זיין ערשטער װיזיט אין פּױלען האָט געקאָסט בלויז 10 טויזענד דאָלאַר, זאָל דער איצטיגער שטודיום פון פּראָפ. קעמערער אין פּױלען װאָס װעט דויערן אַ לענגערע צייט אַ דאַנק דעם הויכען האָנאָראַר זיינעם, אָבקאָסטען די פּױלישע רעגירונג ביז 150 טויזענד דאָלאַר.

— אין די פינאַנציעלע קרייזען געהען אַרום קלאַנגען אַז דער ניי-ענטשטאַנענער דייטשער אייזען - קאָנצערן װעלכער איז דער שטאַרקסטער אין איראָפּאַ האָט פאָרגעשלאָגען פּױלען אַ בּעדייטענדע הלואה אויף אינדוסטריעלע אינװעסטיציע-צװעקען, און אַז די דייטשען זאָלען שטעלען בּיים ערטיילען די הלואה אַלס בּעדינג די רעגולירונג פון דעם דאַנציגער קאָרידאָר.

— אין דער פּרעסע האָט זיך בּעװיזען אַ ידיעה אַז די רעגירונג האָט בּדעה איבּערצוגעבען דעם טאַבּאַק מאָנאָפּאָל אין אַרענדע צו דעם אַמעריקאַנישען מאָרגען-קאָנצערן, װעלכער װעט דערפאַר געבען פּױלען אַ גרויסע הלואה.

— מיר האָבען שוין מיטגעטיילט װעגען דער ספּעציעלער קאָמיסיע װאָס איז געגרינדעט געװאָרען אויפצופאָרשען די טעטיגקייט פון ספּירט-מאָנאָפּאָל און די מיסברויכען װאָס זאָלען דאָרט זיין פאָרגעקומען. די קאָמיסיע האָט טאַקי דאָרט ענטדעקט אַ גאַנצע רייהע מיסברויכען װעלכע זי גיט איבּער דער פּראָקוראַטור. עס געהען אַרום קלאַנגען אַז דער דירעקטאָר פון ספּירט-מאָנאָפּאָל זאָל אַראָב אין דימיסיע און אַ גאַנצע רייהע בּעאַמטע זאָלען אַרעסטירט װערען פאַר'ן נעמען כאַבּאַר, און די װאָס האָבען געגעבען כאַבּאַר זאָלען צוגעצויגען װערען צו געריכטליכער פעראַנטװאָרטליכקייט.

— אויף אַ קאָנפערענץ אין פּ. ק. ט. װאָס איז פאָרגעקומען מיט די פאַרשטעהער פון די האַנדװערקער-קאַמערן און האַנדװערקער-פעראיינען פון גאַנץ פּױלען איז בּעשלאָסען געװאָרען אַז די פּ. ק. ט. זאָל געבען 2 מיליאָן זלאָטעס אויף קרעדיט פאַר די האַנדװערקער און קליין-אינדוסטריע דורך דער פערמיטלונג פון די האַנדװערקער קאַסעס און זייערע קאָאָפּעראַטיװע אַנשטאַלטען. אויף װי װייט די יודישע האַנדװערקער - פעראיינען װעלען פון דעם געניסען קען מען נישט פאָראויסזאָגען, עס איז געװיס אָבהענגיג אין דער טעטיגקייט פון די יודישע האַנדװערקער-טהוער.

— פון פערשידענע ערטער אין לאַנד קומען אָן ידיעות װעגען גרויסע פערפלייצונגען װאָס עס האָבען פעראורזאַכט די לעצטע רעגענס און װעלכע האָבען אָנגעמאַכט גרויסע שאַדענס.

די װייסעל האָט זיך שטאַרק געהויבען אין געװיסע ערטער אויף 180 צענטימעטער און פערפלייצט די אַרומיגע דערפער און אָבגעשװענקט די אָנגעשניטענע תבואות, אַזוי אַז די בּעפעלקערונג איז שטאַרק פערצװייפעלט. אויף די דקאַװאַ איז אַרויס פון איהרע ברעגען און איניגע בריקען האָבען זיך איינגעריסען, אַזוי איז דאָס אויך מיט דער קאַלאַ װעלכע האָט פערפלייצט אַרום זיך און אָנגעמאַכט קאָלאָסאַלע שאַדענס. די דאָרפישע בּעפעלקערונג איז שטאַרק איבּערגעשראָקען און די גלאָקען פון די קירכען קלינגען אויף אַלאַרם.

# װאָס הערט זיך אין דער יודישער װעלט?

— אויף דער לעצטער זיצונג פון יודישען קאָלאָ זענען די דעפּוטאַטען גרינבּוים, אינזלער און שיפּער אויסגעװעהלט געװאָרען אַלס דעלעגאַטען צום צװייטען קאָנגרעס פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען װאָס קומט פאָר אין זשענעװע ענדע דעם מאָנאַט.

— עס װערט מיטגעטיילט אַז דער מלוכה - פּרעזידענט מאָשטשיצקי האָט אַרויסגעזאָגט זיין װוּנש זיך צו בּעקענען פערזענליך מיט די פאַרשטעהער פון יודישען פּוחר'טום װעגען װעלכע עס האָט איהם פיעל גוטעס איבּערגעגעבען דער מיניסטער קװיאַטקאָװסקי. דער פּרעזידענט האָט בּדעה איינצולאַדען צו זיך די יודישע פאַרשטעהער במשך פון היינטיגען חודש.

— אויף אַ געמיינזאַמער זיצונג פון די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע יודישע אָרגאַניזאַציעס אין לאָנדאָן איז געשאַפען געװאָרען אַ „אינטערנאַציאָנאַלער הילפס-קאָמיטעט פאַר די מאַראַנען", װעמעס אויפגאַבּע עס איז צו העלפען די מאַראַנען אין פּאָרטוגאַל, װעלכע װילען צוריק װערען יודען און איבּערגעהן צו דער אמונה פון זייערע עלטערן, אויף מגייר צו זיין די מאַראַנען איז בּעשטימט געװאָרען אַ ספּעציעלער רב, אין די שטאָדט אָפּאָרטאָ אין פּאָרטוגאַל װעט צו דעם צװעק אויפגעבּויט װערען אַ סינאַגאָגע און אַנדערע רעליגיעזע אינסטיטוציעס.

— פון ירושלים װערט געמעלדעט אַז אויף אַ קאָנפערענץ פון די פאַרשטעהער פון די הענדעלס - קאַמערן אין ארץ-ישראל זאָל דער דירעקטאָר פון די ארץ-ישראל'דיגע אייזענבּאַהנען האָבען ערקלערט אַז דער פּאָרט פון א"י זאָל געבּויט װערען אין פּאָרט-בּואַר, װאָס עס האָט אַרויסגערופען אַ גרויסען פּראָטעסט צװישען דער א"י פּרעסע, װייל דאָס איבּערטראָגען דעם פּאָרט קיין פּאָרט-בּואַר װאָלט געװען אַ קלאַפּ פאַר די אינטערעסען פון דער יודישער בּעפעלקערונג. פון די זיכערסטע קװעלען װערט אָבּער געמעלדעט אַז דער פּאָרט פאַר א"י װעט אָהן שום ספק געבּויט װערען אין חיפה, װי עס איז שוין פעסטגעשטעלט געװאָרען.

— אין לאָנדאָן איז פאָרגעקומען אַ ראַוט לכבוד די יודישע דעפּוטאַטען און פּאָליטיקער פון פּױלען װאָס װיילען איצט אין לאָנדאָן, און די פערזאָנען פון די דעפּוטאַטען: גרינבּוים, רייך, טהאָן, ראָזענבּלאַט, גאָטליבּ, רעד. העפּטמאַן א. א. פאַר'ן ראַוט איז פאָרגעקומען אַ קורצע בּעראַטונג װעגען אַרויסשיקען פון לאָנדאָן קיין פּױלען אַ דעלעגאַציע פון דער לאָנדאָנער פעדעראַציע און װעגען פערטיילען געװיסע סומען װאָס געפינען זיך אין זייער רשות אויף הילפס - צװעקען פאַר'ן פּױלישען יודענטום.

— פון ניו-יאָרק איז מען מודיע אַז דאָרט איז פערעפענטליכט געװאָרען אַ בּעריכט פון אַ מיטגליד פון די אויספאָרשונגס - קאָמיסיע װאָס איז געשיקט געװאָרען קיין מעקסיקאָ, אין דעם בּעריכט װערט געזאָגט אַז מעקסיקאָ איז בּשום אופן נישט קיין לאַנד פאַר יודישע עמיגראַציע, אַז די לאַגע פון די קליינע צאָהל יודען װאָס װאוינען דאָרט איז זעהר אַ שלעכטע און אַז יודען דאַרפען זיך היטען דאָרט אַהין נישט צו עמיגרירען.

— די יודישע פּרעסע אין אַמעריקאַ טרעט אַרויס שאַרף געגען דעם בּאַנק-הויז ראָטשילד װאָס אונטערהאַנדעלט מיט דער אונגאַרישער רעגירונג װעגען געבען איהר אַ הלואה, נישט קוקענדיג דעראויף װאָס אין אונגאַרן הערשט דער אַנטיסעמיטיזם. די פּרעסע שטעלט אַלס בּייספּיעל דעם פערשטאָרבּענעם יעקב שיף װעלכער האָט נישט געװאָלט געבען קיין הלואה רוסלאַנד צוליעב די רדיפות אויף די דאָרטיגע יודען.

— דער אָרטיגער מאַכט אין בּערלין איז געלונגען צו ענטדעקען אַ געהיימע אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע װעלכע האָט געפּלאַנט איינצואָרדנען אַ פּלאַנמעסיגען בּאָיקאָט געגען יודען אין גאַנץ דייטשלאַנד, װאָס האָט געטראָגען דעם נאָמען: „דייטשע גוים-בּרודערשאַפט צו בּעקעמפען די יודישע סאָלידאַריטעט". די אָרגאַניזאַציע האָט אַרומגענומען העכער 3000 שטעדט.

## ישראל זאַנגװיל.

אין עלטער פון 62 יאָהר איז און לאָנדאָן געשטאָרבּען דער בּעריהמטער יודיש - ענגלישער שריפטשטעלער און כלל-טהוער ישראל זאַנגװיל.

ישראל זאַנגװיל איז געװען איינער פון די בּעריהמטעסטע און פּאָפּולערסטע פערזענליכקייטען צװישען יודען. זיינע װערק אין דער ענגלישער שפּראַך זענען איבּערזעצט געװאָרען אין אַלע איראָפּעאישע שפּראַכען איבּערהויפּט אין העבּרעאיש און יודיש. און אויבּעראַל האָט מען איהם הויך געשעצט אַלס גרויסען יודישען געלעהרטען און כלל-טהוער.

זייענדיג 28 יאָהר אַלט, טרעט ער שוין אַרויס אין יודישען געזעלשאַפטליכען לעבּען. אויפ'ן 5 און 6 ציוניסטישען קאָנגרעס האָט ער געהאַלטען בּעגייסטערטע רעדעס פאַר ארץ-ישראל, װעלכע האָבען איהם געשטעלט אין די ערשטע רייהען פון די [illegible] אָנפיהרענדע ציוניסטישע פערזענליכקייטען. נאָכ'ן 6 קאָנגרעס הויבּט ער אָן אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר זיין אוגאַנדאַ - פּראָיעקט, און שפּעטער שטעלט ער זיך אין דער שפּיץ פון אַ טעריטאָריאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, װעלכער האָט אויפ'ן זעלבּען קאָנגרעס איבּערגעריסען מיט'ן ציוניזם.

ער גרינדעט די יודישע עמיגראַציע-געזעלשאַפט און אָרגאַניזירט די יודישע עמיגראַציע קיין גאַלװעסטאָן. אין יאָהר 1908 קומט ער אין פערבּינדונג מיט דער יונג-טערקישער רעגירונג װעגען בּעזעצען יודען אין קורענאַיקאַ, װאוהין ער שיקט אַ אויספאָרשונגס-קאָמיסיע, װעלכע ברענגט אַ נעגאַטיװען ענטפער. שפּעטער אונטערהאַנדעלט ער מיט דער טערקישער רעגירונג װעגען בּעזעצען יודען אין מעסאָפּאָטאַמיען. אָבּער אַלע זיינע פּלענער האָבען זיך װי בּעװאוסט מיט גאָרנישט געענדיגט. נאָך דער מלחמה האָט ער גענומען אַ אַקטיװען אָנטייל אין דער הילפס-אַקציע פאַר די יודען פון די מזרח-לענדער.

קיין פּרינציפּיעלער געגנער פון ציוניזם איז ער נישט געװען, און צום ספּעציעלען ציוניזם איז ער נישט צוגעטרעטען, די אָנפיהרענדע ציוניסטישע פערזענליכקייטען האָבען זיך אָבּער מיט זיין מיינונג שטענדיג גערעכענט.

זאַנגװיל האָט פיעל מיטגעהאָלפען צו פערשפּרייטען דעם יודישען נאַציאָנאַלען געדאַנק צװישען די ענגלישע יודען, און ער האָט אויך אַ געװיסען אָנטייל אינם פערעפענטליכען פון דער בּאַלפור-דעקלאַראַציע.

כבוד זיין אָנדענקען!

# מעשיות און לעגענדעס װאָס זענען פערשפּרייט אין ארץ-ישראל.

צװישען דעם יודישען פאָלק זענען, װי בּעװאוסט, פערשפּרייט פערשידענע מערקװירדיגע געשיכטעס און לעגענדעס װעגען ארץ-ישראל, װעלכע װערען דערצעהלט איש מפי איש פון איין דור צום צװייטען. די דאָזיגע לעגענדעס ציהען זיך נאָך זינט דעם חורבן, זינט יודען זענען פערטריבּען געװאָרען פון זייער לאַנד, און בּעװייזען װי װייט איינגעלעבּט דאָס לאַנד איז אין יעדען יודישען האַרצען.

דאָ װילען מיר איבּערגעבען בלויז עטליכע אַזעלכע לעגענדעס װעלכע זענען פערשפּרייט צװישען די ארץ-ישראל'דיגע איינװאוינער און שטאַמען שוין פון דער לעצטער צייט, זינט יודען האָבען אָנגעהויבּען צוריקצוקומען קיין ארץ-ישראל און זיך דאָרט צו בּעזעצען.

— I. —

## װי אַזוי האָבען יודען בּעקומען דאָס רעכט צוצוגעהן צום כותל-מערבי?

אין דער צייט פון דעם געטליכען מקובל הרב שלום שרעבי פון לאַנד תימן, האָבען די גוים אויפגעטיילט געברענטע צרות די יודישע איינװאוינער פון דער הייליגער שטאָדט ירושלים, בּעזונדער גרויס זענען געװען די ליידען װאָס עס האָבען פערשאַפט די יודען די עטליכע אַראַבּישע פאַמיליעס פון מערב-אַפריקאַ װאָס האָבען זיך בּעזעצט אַרום דעם הייליגען אָרט, — דעם כותל-מערבי.

די אַראַבּישע פאַמיליעס האָבען געװאוינט אין די הייזער װאָס געפינען זיך נעבּען דעם כותל-מערבי, און װעלכער יוד עס האָט געפּרובּט קומען טהון אויסגיסען זיין האַרץ, און תפלה-טהון פאַר דער הייליגער װאַנד, און דורך די דאָזיגע אַראַבּער בּעשאָטען געװאָרען מיט שטיינער, און די יודישע פרויען און מיידלעך זענען דורך זיי מטמא געװאָרען, און זייער עהרע איז געװאָרען בּעלעדיגט.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען דעם צער און די האַרצװעהטאָג פון די יודען, װעלכע מען האָט געשטערט צו אויסגיסען זיך פאַר דעם שטיקעל הייליגע װאַנד, די לעצטע איבּערבּלייבּניש פון דעם אַמאָליגען יודישען גלאַנץ, און פאָרט האָבען זיי זיך געגען די אַראַבּער נישט געקענט קיין עצה געבען, בּיז עס האָט פּאַסירט פאָלגענדע געשיכטע.

דער געטליכער מאַן און מקובל הרב שלום שרעבי, װעלכער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען פון זיין הייליגען װילען צו געהן צו דער כותל-מערבי, פלעגט זיך פיהרען, אַז ער פלעגט אַרויסגעהן פון זיין שטוב געגען האַלבּע נאַכט, און בּעהאַלטענערהייט זיך צושלעפּען צום כותל, און װען ער איז אַהינגעקומען האָט ער אַריינגעשטעקט זיין קאָפּ אין די גרויסע פינסטערע איינזאַמע שטיינער, און הייסע זיידיגע טרעהרען פלעגען זיך גיסען פון זיינע אויגען אויפ'ן חורבן-בית-המקדש.

אַזוי פלעגט דער צדיק זיך פיהרען אַ לאַנגע צייט און קיינער האָט דערפון נישט געװאוסט.

איינמאָל װען ער איז בּיינאַכט געשטאַנען בּיים כותל-מערבי האָט ער זיך שרעקליך צוזויינט, װאָס אַ מאָל אויף אַ העכער קול, און זיינע שרעקליכע יאָמערן האָבען זיך געטראָגען װייט אַרום און אַלע אַרומיגע איינװאוינער זענען פערציטערט געװאָרען פון זיינע אויסערגעװעהנליכע זיפצען און קרעכצען.

צו מאָרגענס האָבען די אַרומיגע אַראַבּישע שכנים זיך דערװיסט, אַז דער צדיק ר' שלום קומט צום כותל, און זיי האָבען בּעשלאָסען איהם שלעכטס צו טהון, בּעזונדער איז אויף איהם בּייז געװען דער מופתי (אַראַבּישער גייסטליכער) װעלכער איז געשטערט געװאָרען פון זיין שלאָף דורך ר' שלום'ס געװיין.

דער מופתי האָט דעמאָלט געװאוינט בּיים כותל, און איז געװען דער בעל-הבית און דעה זאָגער איבּער ירושלים, און אַלע האָבען פאַר איהם געציטערט.

אויף מאָרגען בּיי נאַכט האָט דער מופתי אַרויסגעשיקט עטליכע קנעכט נעגערס און איניגע אַראַבּער פון די שכנים, אַז זיי זאָלען אָבּװאַרטען דעם צדיק און װען ער װעט צוקומען צום כותל זאָלען זיי איהם הרג'ענען, די מערדער האָבען זיך אויפגעשטעלט אויף בּיידע זייטען פון די טרעפּען אויפ'ן װעג צום כותל, און אָבגעװאַרט זייער קרבן מיט שטעקענס אין די הענד.

אין מיטען דער נאַכט איז ר' שלום װי געװעהנליך, צוגעגאַנגען צום כותל און פאָראויס פאַר איהם איז געגאַנגען זיין שמש מיט אַ לאַמטער אין דער האַנד, צו בּעלייכטען די פינסטערניש פון דער נאַכט. פּלוצלינג איז דער שמש געבּליבּען שטעהן זעהר דערשראָקען, װייל ער האָט דערזעהן די מערדער שטעהן מיט שטעקענס גלייך זיי צו בּעפאַלען, אָבּער ר' שלום האָט איהם בּערוהיגט און צו איהם געזאָגט:

שרעק זיך נישט, און געה װייטער.

דער שמש װאָס האָט זעהר געגלויבּט אין זיין הייליגען רבּי'ן, האָט איהם נאַטירליך געפאָלגט און איז װייטער געגאַנגען, און אַזוי זענען זיי רוהיג אַדורכגעגאַנגען די רייהען פון זייערע פערפאָלגער. און קיינער פון זיי האָט קיין האַנד נישט אויפגעהויבּען, און קיין װאָרט נישט אַרויסגערעדט.

דער צדיק האָט אָבגעריכט חצות בּיים כותל אַזוי װי שטענדיג, און זיך דערנאָך רוהיג אַהיימגעגאַנגען אין זיין שוהל „בית-אל", װעלכעס איז נאָך בּיז'ן היינטיגען טאָג די שוהל פון די מקובלים.

װען די זון האָט אויפגעשיינט און מענשען זענען אַרויס אין גאַס האָבען די איינװאוינער פון נעבּען דעם כותל דערזעהן פאַר זיך אַ שרעקליך בּילד, פון װעלכען זיי האָבען אויפגעציטערט, די קנעכט פון מופתי און איניגע פון זייערע שכנים זענען אַזוי װי צוגענאַגעלט צו זייער אָרט געשטאַנען אויף זייערע ערטער װי פערשטיינערט און זיך נישט גערירט, און די שטעקענס װאָס זיי האָבען געהאַלטען אין די הענד זענען געשטאַנען אין דער לופט נישט צום ערקלערען.

בּאַלד האָט מען װעגען דעם מיטגעטיילט דעם מופתי, װעלכער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, און די מערקװירדיגע ידיעה װעגען דער שרעקליכער זאַך האָט זיך בּאַלד פערשפּרייט אין גאַנץ ירושלים.

אַלע איינװאוינער פון דער שטאָדט האָבען זיך פערזאַמעלט אַרום דעם כותל, און מיט שרעק געקוקט אויף די מענשליכע פיגורען װאָס זענען געשטאַנען אין דער רייהע פערשטיינערט װי טויטע מומיעס, און אַלע זענען געװאָרען אויפגעשוידערט.

דער מופתי מיט נאָך איניגע נכבד'ע מערקען זענען בּאַלד אַװעק צו ר' שלום'ן און זענען איהם געפאַל'ן צו די פיס, און געבּעטען ער זאָל זיי מוחל זיין. אין אָנהויבּ האָט ער זיי אָבגעשטויסען פון זיך און ערקלערט, אַז אַלץ איז פון הימעל, אַז ער האָט דאָ גאָרנישט געטהון, און קען גאָרנישט העלפען. אָבּער נאָכדעם װי זיי האָבען איהם שטאַרק געבּעטען און פאַר איהם געװיינט, האָט דער צדיק איינגעװיליגט תפלה צו טהון פאַר זיי און בּעטען אַז די שרעקליכע גזירה זאָל אָבגעטהון װערען, אָבּער דערבּיי האָט ער געשטעלט אַ בּעדינג, אַז די מערקען זאָלען פון היינט אָן ערלויבּען די יודען צו בּעזוכען דעם כותל-מערבי בּיי טאָג און בּיי נאַכט װען נאָר איינער װעט װעלען.

די מערקען האָבען אויף דעם בּעשטאַנען, און דאָס איז פערשריבּען געװאָרען אין דעם פּנקס פון זייער געמיינדע.

דער צדיק האָט תפלה געטהון פאַר'ן געזונד פון די פערשטיינערטע, און זיין תפלה איז נאַטירליך בּאַלד אָנגענומען געװאָרען, די לייט זענען געהיילט געװאָרען.

פון דעמאָלט אָן קומען יודען פון דער גאַנצער װעלט בּעזוכען דעם כותל-מערבי, און די יודען פון ארץ-ישראל קומען אַהין אַלע שבתים און ימים-טובים און קיינער פון די גוים שטערט זיי נישט.

**ש. גרוית.**

# וואשינגטאן האנדווערקער און קלײנהענדלער-קאאפעראטיוען.*)

(אקטועלע באמערקונגען).

העלפען אנדערע העלפענדיג זיך אליין — ד. ה. קאאפעראציע.

(פראפ. שארל זשיד).

אין דער איצטיגער צייט ווען עס רעדט זיך אזויפיעל וועגען רעטונג'ס-ארבייט, ווען די שפאלטען פון דער פרעסע, און די טאג-ארדנונגען פון די וויכטיגסטע אינסטיטוציעס ווערען אויסגעפילט און געוודמעט אויסשליסליך דער דאזיגער פראגע, האלט איך פאר וויכטיג אנצוטערקען, אויף וועהר א וויכטיגען געביט, פון רעטונג'ס-ארבייט אין וועלכען עס ווערט גאנץ ווייניג ביי אונז אין שטאדט געטהון.

אלעמען איז קלאר או קאאפעראציע איז דאס קינד פון דער נויט, או די טאנציגע פעות, וואס האבען טרויסגע-רופען דאס פערשטארקערן זיך פון דער קאאפעראטיווער באוועגונג צווישען די קליינהענדלער און האנדווער-קער אין די נויט וועלכע וואט לעצ-טען'ס ארומגענומען די דאזיגע בריי-טע שיכטען פון דער יודישער באפעלקע-רונג.

ווען דער יחיד איז אין זיין קאמף פאר זיין עקזיסטענץ, און זיין מיה און ארבייט ארויפצובעקומען זיין ביסעל פרנסה, אביסעל אנגעשוואכט געווארען צוליב די ענדערונגען, צוליב די עקא-נאמישע איבערלעבענישען, וועלכע מיר האבען לעצטענ'ס דורכגעמאכט, האט מען זיך אנגעהויבען ארגאניזירען און שאפען פעראיינען, כדי געמיינזאם מיט פעראייניגטע כוחות זיך צו פערטיידי-גען פון פערשידענע אנפאלען, פון פערשידענע שונאים, פון וואו זיי זא-לען נישט קומען.

דער האנדווערקער, דער קליינהענ-דלער, אלע האבען פערשטאנען, אז עס איז געקומען די צייט פון פעראיי-ניגען זיך, פון בילדען א כוח, וועל-כער זאל קענען אין פערשידענע נוי-טיגע פאלען ארויסטרעטען און ווירקען.

עס זענען געשאפען געווארען אזעל-כע פראפעסיאנעלע פעראיינען אין גאנץ פוילען און אויך אין טשענסטא-כאו איז איינס פון די וויכטיגסטע טע-טיגקייט'ס געביטען פון די דאזיגע פער-איינען איז געווען דאס שאפען פער-שידענע קאאפעראטיווע אינסטיטוציעס, וועלכע זענען געשטעלט געווארען אלס פעסטע שטיצפונקטען ביים פערטיי-דיגען זיך אקעגען דער אלגעמיינער נויט.

און די ארבייט איז געפיהרט גע-ווארען גלייכצייטיג אין איינוגע ריכ-טונגען: עס זענען געשאפען געווארען: קרעדיט, פראדוציר און הורט קאאפע-ראטיוען, וועלכע האבען באפעסטיגט די האנדעלס און ארבייט'ס פאזיציעס פון די קליינהענדלער און האנדווער-קער.

אין א גאנצע רייהע שטעדט אין פוילען, אין לאדז לובלין א. א. זענען שוין מיט א צייט צוריק געשאפען געווארען אזעלכע אינסטיטוציעס: אין לובלין א שניידער-קאאפעראטיוו און אין לאדז א פערקויפס-קאאפעראטיוו א. א. וו.

ביי אונז אין טשענסטאכאו איז וועניג דעם געזאגט געווארען, אבער וועניג וואס געטהון געווארען.

און אויב מיט א צייט צוריק איז שוין ביי די קליינהענדלער גערעדט געווארען וועגען שאפען א הורט קאאפעראטיוו, טא פארוואס זאל מען איצט אין דער צייט פון גרויסער נויטהווענדיגקייט, נישט א טראכט טהון וועגען שאפען אזעלכע קאאפעראטיוען.

פארוואס זאל דער היגער האנד-ווערקער פעראיין, וועמענס מיטגלידער, עס פיהלען גאנץ שטארק אויף זייערע פלייצעס דעם איצטיגען קריזיס, נישט צוצוטרעטען צו שאפען א פאך קאאפע-ראטיוו, פון שניידער, טישלער, שוס-טער אדער פון אנדערע פאכען!

אזא ארבייט וואלט דאך דורך אלע-מען געבענשט געווארען מיט דעם נע-העריגען ערפאלג און אלגעמיינע אונ-טערשטיצונג און אנערקענונג. עס זע-נען אין דעם געביט דא ברייטע מעג-ליכקייטען פאר ארבייט. עס קאנען און דארפען געשאפען ווערען פראדוציר-פאך-קאאפעראטיוען, ד. ה. אזעלכע וואס זאלען פעראייניגען א געוויסע פאך-סעקציע, צ. ב. ש. שניידערס פון איין קאאפעראטיוו, וועלכע זאל ארביי-טען אין דעם דאזיגען פאך און עס קאנען אויך געשאפען ווערען קאאפע-ראטיוען, וועלכע זאלען די מיטגלי-דער פון א געוויסע סעקציע צושטע-לען די מאטעריאלען וועלכע זענען זיי נויטיג אויף אויסצוארבייטען. פון אזעל-כע קאאפעראטיוען איז וועהר לייכט צו שאפען, ווארום אין פערשידענע פאלען וועלען זיי פערלייכטערן דאס אויפארבייטען געוויסע ארטיקלען, חוי-מענדיג צ. ב. ש., אז דער שוסטער קאן אין זיין קאאפעראטיוו בעקומען לעדער אויף גינסטיגע בעדינגונגען, וועט ער בעסער קאנען פראדוצירען און אין זיין ארבייט וועט דאן זיין א ברכה.

דאסזעלבע איז אויך ביי קאאפעראטיוען פאר קליינהענדלער-סעקציעס, וועלכע האלטען שוין געטראגען דעם כאראקטער פון הורט-קאאפעראטיוען, וואס וואלטען צוגעשטעלט די קליינהענדלער פון פערשידענע בראנזשעס די ארטיקלען, וועלכע זיי פערקויפען די געברויכער.

דאס וואלט פאר די קליינהענדלער געהאט א ערשטקלאסיגע בעדייטונג, ווארום, ערשטענ'ס, וואלט אזוי ארום געקומען צו א פולשטענדיגען הסכם אין די פערקויפס-פרייזען און אזוי ארום וואלט מם לא בעזייטיגט געווא-רען די מטלהייע קאנקורענץ צווישען זיך זעלבסט, און דאס וואלט פיעל צו-געהאלפען צו דער פעראייניגונג פון די קליינהענדלער.

דאס וואלט פאר די עקזיסטענץ-מעג-ליכקייטען פון די בעזונדערע קליינ-הענדלער געהאט זעהר א וויכטיגע בעדייטונג און וואלט פאר זיי געשא-פען אין א געוויסען זין מעהר נאר-מאלע לעבענס-בעדינגונגען. און זיי האלטען ראבאי פטור געווארען פון די אלטע גזירות פון שטראפען פון צו הויכע אדער צו קליינע פרייזען אויס-געבען.

די דאזיגע ארבייט ביים שאפען אזעלכע קאאפעראטיוען פאר קליינהענ-דלער און האנדווערקער, דאס וואלטען מיר געטראכט פאר די בעסטע רע-טונגס-ארבייט, וועלכע וואלט געבראכט געפיהרט ווערען און וועט מיט דער מיטעער איבערצייגונג סוף כל-סוף מו-זען ארגאניזירט ווערען, ווארום דאס וואס מיר וועלען נישט טהון וועט די צייט טהון.

פערהאן געווען ביי אונז אין שטאדט א קאאפעראטיווע באנק, און די צייט האט געבראכט דערצו אז די באנק זאל גוצען די אינטערעסען פון די האנדווערקער און קליינהענדלער—דאס זעלבע וועט אויך זיין מיט די דער-מאנטע קאאפעראטיוען—זיי דארפען נאר געשאפען ווערען. עס דארף נאר געמאכט ווערען דער אנהויב און שטו-צע דערויף, וועלען מיר אינע-צייגט, ווען זיין פון פיעל פערשידענע קיזע-לען.

מען דארף נאר אנהויבען מיט איי-גענע באדאי קליינע מיטלען און דאן וועט שוין דאס איבריגע נאכקומען.

אט אויף וואס איך האב געוואלט אויפמערקזאם מאכען די היגע קליינ-הענדלער און האנדווערקער, דאס איז וועלכען מיר נויטיגען זיך אזוי שטארק, דאס די צייט הייסט אונז שאפען, דאס וואס עס דארף שוין געטהון ווערען.

און זאלען מיר נישט זיין אבגע-שטאנען פון אלע האנדווערקער און קליינהענדלער פון אנדערע שטעדט אין פוילען.

זאלען מיר אנהויבען די ארבייט און מיר וועלען געוויס האבען דעם נויטיגען ערפאלג.

א קאאפעראטיסט.

*) אויפ'ן גרונד פון פרייע טריבונע.

# דאס לעבען אין טשענסטאכאו.

## דאנקזאגונג פון אמעריקאנער אמ-באסאדאר דער יודישער גמינע.

מיט א קורצע צייט צוריק האט די טשענסטאכאווער קהלה-פערוואלטונג איבערגעשיקט דעם אמעריקאנער אמ-באסאדאר אין ווארשא צוויי פאטאגרא-פישע אויפנאהמעס פון דער פייער-ליכקייט אין דער שוהל דעם 4 יולי לכבוד דעם 150 יעהריגען יובילעאום פון דער אמעריקאנער אונאבהענגיגקייט.

דערויף איז אויף דעם אדרעס פון היגען רב ר' נחום אש ערהאלטען גע-ווארען א בריף, אין וועלכען דער אמע-ריקאנער אמבאסאדאר ת' סטעטסאן דאנקט אין נאמען פון דער אמעריקא-נער רעגירונג דער טשענסטאכאווער יודישער גמינע פאר'ן איינארדנען אין שוהל די גאטעס-דינסט, און אין זיין איינענער נאמען דריקט אויס דער אמ-באסאדאר זיין דאנקבארקייט פאר די פאטאגראפיעס, וועלכע מען האט איהם איינגעשיקט, און וועלכע האבען ביי איהם ארויסגערופען א גרויסען אינ-טערעס.

## פערזאנען וואס פערקויפען לעבענ'ס-מיטעל-ארטיקלען דאר-פען אדורכגעהן די געזונדהייטס קאנטראל.

לויט דער פעראָרדנונג פון קעלצער וואיעוואדע בנוגע דעם פערקויף פון ערנעהרונגס ארטיקלען, וועט אין היגען געזונדהייט'ס-אמט, וואס געפינט זיך אויף דאמבראווסקא נומער 10 מארקי-טען מעגליך פון 8—9 פריה און פון 3—4 נאכמיטאג פארקומען א געזונד-הייטס-קאנטראלע פון די פערזאנען וואס זענען פערנומען ביים פערקויפען און אויסארבייטען ערנעהרונגס ארטיק-לען.

די קאנטראלע וועט דויערן פון 2-טען ביז'ן 31-טען ה. ח.

צו דער קאנטראלע דארפען זיך שטעלען אלע פערזאנען אהן אונטער-שיד צו איינענטימער צי אנגעשטעלטע ביי די דערמאהנטע ארבייט.

די געזונדהייט'ס בעשיינונגען וואס זענען ארויסגעגעבען געווארען פאר'ן 1-טען אויגוסט פערלירען זייער גיל-טיגקייט, און די פערזאנען דארפען זיך פערזעהען מיט נייע געזונדהייט'ס בעשיינונגען.

## נישט צושטאנד געקומען די אינוואלידען פערזאמלונג.

ווי בעקאנט איז לעצטענס אקטו-על געווארען די יודישע אינוואלידען פראגע אין פוילען. דער לעצטער צו-זאמענפאהר אין דער אלוועלטליכער קאנגרעס אין דאנציג האבען געווירקט דערויף, אז אין א רייהע שטעדט אין פוילען זענען ארגאניזירט געווארען יודישע אינוואלידען פעראיינען.

ביי אונז אין טשענסטאכאו איז נאך ביז איצט אזא פעראיין נישט פערהאן, און די פערזאמלונג פון די היגע יודי-שע אינוואלידען וואס איז גערופען גע-ווארען פערגאנגענעם זונטאג אין לא-קאל פון דער יודישער גמינע, האט געזאלט טראגען דעם כאראקטער פון א ארגאניזיר פערזאמלונג צו ארגא-ניזירען אָרטיגען יודישען אינוואלידען-פעראיין, און צו שאפען א קאמיטעט.

אויף דער פערזאמלונג זענען געווען אנוועזענד ביז 35 פערזאן, וועלכע זע-נען שוין רעגיסטרירט אלס מיטגלידער, נאר לויט ווי דער צייטווייליגער פאר-זיצענדער האט אונז אינפארמירט רע-כענט מען אין אונזער שטאדט ביז 100 אינוואלידען, וועלכע שטעלען זיך צונויף פון דער לעצטער וועלט-קריג און פון די פֿריערדיגע רוסיש—יאפא-נישע און רוסיש—כינעזישע מלחמות.

דער פארזיצענדער האט אבער ער-קלערט, אז צו דער פערזאמלונג האט געזאלט קומען א פארשטעהער פון דער קראקעווער צענטראלע—ה' באכנער, און אזוי ווי ער איז נישט געקומען, ווערט די פערזאמלונג אבגעלעגט אויף א צווייטען טערמין, ווען עס וועט פריהער בעקאנט געמאכט ווערען אלע אינוואלידען.

## וועגען די ביז-איצטיגע פעסער-שוועריגקייטען.

ביים ארויסנעמען א פאס זענען ביז איצט פערהאן א גאנצע רייהע ביוראָ-קראטישע שוועריגקייטען, וועלכע דער אינטערעסאנט מוז אדורכמאכען.

אין סטאראסטווע דארף ער אבגע-בען א בימע בעלייגענדיג אנ'אויסצוג פון די בעפעלקערונגס ביכער און א פאטאגראפיע פון מאגיסטראט.

ערהאלטענדיג די דאזיגע פארמו-לארען גיט די סטאראסטווע ארויס א דעקלאראציע אונף איינצאהלען 50 זל. אין פינאנץ-אמט.

נאכ'ן ערהאלטען א בעשטעטיגונג פון איינצאהלען די דערמאהנטע סו-מע גיט די סטאראסטווע ארויס דעם פאס און מעלט וועגען דעם שפעטער מיט דעם מאגיסטראט.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז די דאזיגע פראצעדור איז אנ'איבריג בעשווערענדע, און איבערהויפט איז נישט ריכטיג, אז ווען אלע מאטער-יאלען גיט ארויס דער מאגיסטראט מא צי וואס זאל מען ערשט נאך דעם פאס דארפען געהן אין סטאראסטווע, וואו עס דויערט ווידער א געוויסע צייט און עס געהט ווייטער אדורך א גאנ-צער סדר פון פערשידענע ביוראָקרא-טישע סיסטעמען.

דאס האט ענדליך געגומען אין אכט דער פערבאנד פון שטעדט, אין וועל-כען עס איז אויך אנגעשלאסען דער היגער מאגיסטראט, און ארויסגעטרע-טען צו דער רעגירונג מיט דעם פער-לאנג, אז דאס ארויסגעבען פעסער זאל ווערען איבערגעבען אויסשליסליך דעם מאגיסטראט.

עס וועלט שוין כלעבען וועהר גלייך און צייט געוועזען, או די דאזיגע נישט בעגרינדעטע שוועריגקייטען, זאל בעזיי-טיגט ווערען און עס זאל דאס ארויס-נעמען דעם פאס נישט אנקומען מיט אזעלכע שוועריגקייטען ווי ביז איצט.

## יודן!

אויב דו האסט נאכנישט אריינ-געטראגען פאר דער רעטונגס-אק-ציע, מוזט דאס אומבעדינגט היינט טהון—פערשפעטיג נישט!

# פארוואס נאר זומער?

(אזוי ווי א פעלעטאָן).

ב'קען אפך מבטיח זיין בהן שלו, או קיינער וועט מיך נישט ארבעפיה-רען פון ריכטיגען וועג, און כ'וועל מיך קיינמאל נישט לאזען אנדערען פון דו אפיקורסים, וואס זאגען או אלץ איז א דרך טבע, און זיי געפונען גע-וויסע תפרונות אין דער בריאה, או דאס וואס אינגאנצען נישט נעדארפט צו זיין, אבער יענץ האט געדארפט אנדערש זיין, א שטיינער ווי זיי וואל-טען געוואלט קלוגער, און וואלטען דאס בעסער געמאכט.

און איך, וועהט איהר, האלט מיך ביי דאס מיינונג, או אלץ וואס דער אויבערשטער האט בעשאפען איז נויטיג און נוצליך, און או אויך דעם וועלט די וועלט נישט געקענט קיין קיום האבען.

איך בין נישט קיין חוקר, נישט קיין פילזאף, און פארט קען איך אייך בע-ווייזען בולט, או אפילו די דאזיגע זא-כען וואס מיר מיינען או מיר וואלטען זיך אהן זיי געקענט בעגעהן און זיי פרענגען אונז שאדען, דוקא אט די דאזיגע זאכען זענען אונז נויטיג אזוי ווי לופט צום אטעמען. און אהן זיי וואלטען מיר געקענט שטארבי אזוי ווי ס'ווענט אין "אשר יצר": וואלט מען זיך בשום אופן נישט געקענט דערהאלטען אפילו קיין איין שעה.

נעמען מיר, למשל, דאס וואס אויף אונזער זינדיג וועלטיל איז בעשאפען געווארען א דאטשע, און עס קומען געוויסע ווען זאגען או דאס איז א איבריגע זאך, או דאס איז א ענין פאר חולשטימעס און מאוילטעגערס, און איך א ווד פון א גאנץ יאהר, א יוד וואס איז טאג און נאכט משוקע אין זיינע דאגות מיט זיינע קלאפאטען, איך זאג אייך או דאס ענין דאטשע איז פאר אונז אזא מתנת טובה, אזא גוטע זאך וואס מיר וועלען גארניט אומשטאנד דאס אבצושאצען. און ווען מען זאל אונז מיט דעם נישט מוכח זיין, וואלט אזא יוד ווי איך בשום אופן נישט געקענט לעבען אויף דער וועלט. איך קען מיר ממש נישט מצייר זיין וואספערע פנים די וועלט, כ'מיין מיר טאנספערשוינען, וואלטען געהאט אהן אט דער דאטשע, וואוהין מען האט די מעגליכקייט אוועקצושיקען די פלונית און פטור צו ווערען פון איהר כאטש אויף א געוויסע צייט.

און ווער שמועסט נאך פון אזא ווד וואס איז א מטופל נישט בלויז מיט א פלונית, נאר מאקע אויך מיט עט-ליכע בונרת'ן וואס זענען שוין לאנג ראוי לחופה, און וועלכע ווילען פון קיין זאך נישט וויסען נאר זיי האלטען אין אבן שרייען "הב, הב". דא אויף א ווייערן קלייד, דא אויף ווייערע זא-קע ופרומה. אט אזא ווד פיהלט זיך דאס ערשט ממש ווי אין א גן-עדן בשעת זיי זענען אויף דאטשע, און ער קען ערשט פרייער אבעטעטען און שאפען זיך כוח צו שלעפען ווייטער דעם יאך, דעם עול-פרנסה, אין וועל-כען ער איז איינגעשפאנט.

איהר זאגט אז דאטשע קאסט געלד, או דאס נעמט ארויס דעם מארך פון די ביינער, און איך זאג אייך או דאס איז נארנישט צו בעצאהלען, און ס'איז נארנישט אבצושאצען, ווארום וועפערע חשוב'ת האט געלט דאמאלס ווען עס זיך וועגען נפשות-זאכען, דעם ביסעל געלד וועט מיר קאנספערשוינען, וואלטען געהאט אהן אט איהר א בריה חדשה, א פרייער מענש מיט א רוהיגען קאפ און מיט א קלא-רען חוש, וואס קען זיך ערשט ארומ-זעהען וואו ער האלט אין דער וועלט און מאכען א שטיקעל חשבון הנפש.

די זייטיגע ענינים זענען אפילו נישט אזוי לייכט, ווי למשל דאס שיקען אהין די פעקלעך, דאס פאהרען אהין אויף שבת, און נאך אנדערע דאטשע-מנהגים וועלכע איך וואלט אייך מיט'ן גאנצען הארץ מוחל געווען, נאר איך מוז זיי מיטהאלטען, אבער פארט וואג איך מיט א גאנץ רוהיג געוויסען, אז אלץ איז כדאי אהעקצוגעבען פאר דעם ביסעל פרייהייט.

וועהט איהר, איין חסרון און דוקא נאר א גרויסען, האט די דאטשע, און וועגען אט דעם דאזיגען חסרון וויל איך זיך דאס מאקי מיט אייך ארורכ-שמועסען, און אייך אויפמערקזאם מא-כען אז מיר זאלען זיך בעמיהען און אנהענדערן אלע אונזערע כוחות איהם צו בעזייטיגען.

דער חסרון, פערשטעהט איהר מיך, איז דאס וואס ס'איז ביי אונז איינגע-פיהרט צו פאהרען אויף דאטשע נאר זומער, און ווינטער מוזען מיר שמאכ-טען אין דער היים און נישט האבען קיין מנוחה. און נישט דוקא ווינטער, נאר אפילו זומער ווען ס'מאכט זיך נאר אביסעל קיהל הויבט חברה אן אהיים קומען, און דער טאראראם בע-גינט זיך אז ס'איז נישט צום אויס-האלטען.

איהר מעגט מיר גלויבען אז ווען איך זעה ווי דער הימעל פערכמארעט זיך נעמט מיך אן א גרויל, און כ'ציטער מיט אלע אברים. עס דאכט זיך מיר אלץ אז אט אט קומען זיי צו פאהרען, די דאטשניקעס מיינע, און איך וואלט גערן ענטלאפען וואו די אויגען וועלען מיך טראגען.

איך גלויב אז מיט איין צד וועט מען געחים פערטיג ווערען, זיי די פלונית'טעס און די בונרת'ן אונזערע וועלען געחים בעשטעהן אויך ווינטער צו פראהען דאטשע, און עס געהענד זיך נאר אין אונז אליין. מיט אונזערע הענד און מיט אונזערע כוחות קענען מיר זיך ראטעווען אז מיר זאלען זיין געהאלפענע.

יודען, בני רחמנים, האט רחמנות אויף זיך אליין, און מיט פעראייניגטע כוחות לאמיר זיך נעמען צו דער זאך, און מיר וועלען געחים קומען צום ציעל.

איקס.

# דער גאנג פון דער רעטונגס-ארבײט אין טשענסטאכאװ.

די רעטונגס - ארבײט אין אונזער שטאדט גײט נישט אזוי װי מען האט זיך פארגעשטעלט, די היגע יודישע בעפעלקערונג ערפולט הײנט נישט איהר חוב לגבי די אונטערדריקטע פאמיליעס, און דער קאמיטעט האט נישט די מעגליכקײט צו הילף צו קומען די פיעלע געדריקטע װאס װענדען זיך װעגען אונטערשטיצונג.

װי בעװאוסט איז פון אמעריקאנער „דזשאוינט" אנגעקומען די סומע פון 1.500 דאלאר פאר װעלכע ס'איז ערהאלטען געװארען 18.500 זלאטעס, דאס איז אײגענטליך געגעבען געװארען מיט'ן בעדינג, אז מען זאל דאס נישט בענוצען פריהער ביז ס'װעט אויך פון די היגע יודען אזא סומע געשאפען װערען.

אזוי װי ס'זענען אבער אנגעקומען פיעל פיטעס װעגען הלואות, און די פערזאנען האבען פשוט געשטורעמט די גמינע, װי אויך צוליב דעם װאס דער דאלאר קורס פאלט פון טאג צו טאג, האט דער קאמיטעט בעשלאסען צו פערטײלען די דאלארען און דערװײל ארויסצוגעבען די ערהאלטענע סומע הלואות, און אזוי װי פון דער היגער בעפעלקערונג האט אײנגעפלאסען 2663 זל. װענען צוזאמען ארויסגעגעבען געװארען 150 הלואות אין דער גרויס פון 50 ביז 250 זלאטעס, װעלכע בעטרעפען 16.000 זלאטעס.

אײנגעפלאסען װענען אבער ביז 700 ביטעס װעגען הלואות, װעלכע קענען אפילו נישט בעטראכט װערען אזוי לאנג װי ס'איז גישטא קײן געלד.

בעזונדער האבען א געװיסע צאהל פערזאנען בעקומען אײנמאליגע שטיצע אין די סומעס פון 30 ביז 50 זלאטעס.

אויב די היגע יודישע בעפעלקערונג זאל זיך װײטער אזוי לײכטזיניג בעציהען צו דער רעטונגס-ארבײט, װעט די אקציע אינגאנצען פאראליזירט װערען, און די געדריקטע יודישע בעפעלקערונג װעט נישט קענען אונטערשטיצט װערען.

# װי אזוי א „ראזװאיאװיעץ" װיל ארויסרײסען פון יודען דעם האנדעל.

## מאכט זיך א געװעלב, פערשולדיגט זיך, צינדט אונטער דאס געװעלב און װערט ארעסטירט.

א געװיסער ב. א היגער אײנװאױנער, װעלכער האט קוקענדיג אויף א יוד בעקומען װאלץ אין די אויגען, האט בעשלאסען אנצוהויבען צופיהרען א קאמף מיט יודען און אין דער ערשטער רײהע ארויסרײסען פון יודען דעם האנדעל.

ער האט זיך געדונגען א געװעלב אויף דער אגראדאװא גאס, אײנגעקויפט אביסעל ארטיקלען, ארויסגעהאנגען א קהיטל „פתאי דא סמענא" און געװארט ביז די „סמאיע" װעלען קומען און בײ איהם קויפען, װײזט זיך אבער ארויס אז דער נישט-יודישער עולם איז אויך א מבין אויף אזעלכע שולדען און פערשטעהט, אז דארט קאסט טײערער, אזוי אז די קראם שטעהט א גאנצען טאג לעדיג אהן קונים.

ב. שטעלט זיך אבער נישט אב און קלערט „משנה מקום משנה מזל" דינגט ער א צװײט געװעלב נעהנטער צום צענטר פון שטאדט אויך אויף די װעלבע גאס, אבער האט ער דאס געװעלב אפגעדונגען פון א יוד (דאס איז דאך אויך א מצוה) און ער לײזט װײטער נישט. עפעס קומען נישט צו איהם די קונים.

און אזוי האט ער א קורצע צײט געפיהרט דאס געװעלב, זיך זעהר שטארק פערשולדיגט און געבליבען צו... געדריקט.

איז ער געפאלען אויף א המצאה: באנקראטירען פאסט דאך נישט, יודען װעלען האבען אנקמה אין איהם, איז ער אלײן אװעקגעפאהרען קײן טיראװ און אינטערעסעליג געלאזט, אז מען זאל אין דער הײם מאכען „בורא מאורי האש"—און אזוי איז עס טאקי געשעהן אין א שעהנעם העלען טאג האט צוליב „אויבעװאוסטע" סבות אויפגעבראכען אין זײן געװעלב א שרפה.

צום גליק איז דאס פײער אבער באלד אײנגעלאשען געװארען.

פאליצײ האט אנגעהויבען אויספארשען די סבות פון פײער און עס איז זעהר פארדעכטיג געװעזען די רוהיגע האלטונג פון דעם ה' ב. בעת ער האט בעקומען די ידיעה אז אין זײן געװעלב האט געברענט.—דאס האט פערשטארקט דעם פערדאכט אז דער אינטערצינדער איז געװעזען דער „בעל הבית" אלײן, ס'האט איהם טאקע אײנגעזעצט.

אט אזוי האט זיך געענדיגט דערװײל די געשיכטע פון א „ראזװאיאװיעץ" װאס האט געװאלט פיהרען געשעפטען און ארויסרײסען פון יודען דעם האנדעל.

ער האט דאס יא געװאלט פון דער שרפה רײך װערען...

# װעגען שנעלער בעצאהלען די שטײערן.

דאס פינאנץ-מיניסטעריום האט ארויסגעגעבען א קאמוניקאט, אין װעלכען עס װערט אויפמערקזאם געמאכט אלע שטײער-צאהלער װעגען באלדיגען אײנצאהלען די שולדיגע שטײערן, כדי צו פערמײדען פון די דאזיגע שטײערן שטעטע-צוצאהלען אויסער שטראף אויך די צוגאבע פון 10 פראצענט צו די פעלענדע שטײערן.

# העכערע פרײזען.

פרײטאג איז פארגעקומען אין מאגיסטראט א זיצונג פון דער פרײזען-קאמיסיע, װעלכע האט בעטראכט א גאנצע רײהע קאלקולאציעס, װאס זענען צו דער דאזיגער זיצונג פארגעלעגט געװארען.

אין רעזולטאט האט די קאמיסיע געהעכערט די פרײזען פון פאלגענדע לעבענס-מיטעל-ארטיקלען אנהויבענדיג פון 1-טען ה. ח.

קארן מעהל אין הורט: 45 פראצענטיג'ס—פאר 1 קילא 53 גר., און פון װײצען-מעהל פון בעסטען סארט 84 גר. א קילא, אין דעטײל—קארן-מעהל צו 48 גר. און װײצען מעהל צו 93 גראשען.

פון געבעקס: א קילא ברויט 52 גר., װײצען ברויט און זעמל צו 1 זל. פאר 1 קילא.

גלײכצײטיג איז געהעכערט געװארען דער פרײז פון געװעהנליך כשר'ע װורשט ביז 3,20 א קילא.

# דער יקרות בעװעגונג אין טשענסטאכאװ.

אויף דער לעצטער זיצונג פון דעם היגער סטאטיסטישער קאמיסיע איז פעסטגעשטעלט געװארען די יקרות ענדערונג אין טשענסטאכאװ אין משך פון חודש יולי.

דאבײ איז אויסגערעכענט געװארען, אז אין משך פון דעם דאזיגען חודש אין פערגלײך מיט דעם פריהערדיגען איז דאס יקרות געפאלען מיט 0,19 פראצ.

דאס אויסהאלטען פון אן ארבײטער פאמיליע פון 4 פערזאן װערט אזוי ארום בערעכענט אויף 5 זלאטעס מיט 13 גראשען.

# צוליב מאנגעל אין ברויט.

צוליב דעם ברויט מאנגעל, װאס האט זיך געװאס געשאפען בײ אונז אין שטאדט, װענען זונטאג ביז 10 א זײגער אפען געװעזען די בעקערײען און פערברויכ'ס געװעלבער, כדי די בעפעלקערונג זאל זיך קענען פערזעהען מיט די נויטיגע לעבענ'ס מיטעל ארטיקלען.

אין צוזאמענהאנג דאמיט האט דער היגער סטאראסטא בערוהיגט און געמאלדען, אז די מורא װעגען אויספעהלען ברויט איז נישט בעגרינדעט און אז דער מאנגעל איז א פעראיבערגעהענדער.

# די פארטזעצונג פון דער אלג. פערזאמלונג פון באנק ספולדזיעלטשי.

די פארטזעצונג פון דער אלגעמײנער פערזאמלונג פון באנק-ספולדזיעלטשי װאס איז נישט פערענדיגט געװארען קומט פאר זונטאג נאכמיטאג אין לאקאל פון טורן-און ספארט-פעראײן.

עס איז צו האפען אז דאס מאל װעלען ענדליך בײדע צדדים קומען צו דער געהעריגער פערשטענדיגונג לטובת דער דאזיגער אינסטיטוציע װאס איז פאר אלעמען אזוי װיכטיג.

# די ארבײטער פון יוטא-פאבריקע פאדערן ה ספות.

מיט א צײט צוריק האבען די ארבײטער פון די יוטא פאבריקען ארויסגעשטעלט פאדערונגען װעגען הוספות פון 45 פראצענט, נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען האבען זײ מסכים געװעזען אויף א הוספה פון 10 פראצענט, אנהויבענדיג פון 1-טען יולי—איצט גרײטען זײ צו אן'אקציע און שטעלען ארויס נײע פאדערונגען פון הוספות.

# הנחות פון דער קראנקען-קאסע.

אויף אײנע פון די זיצונגען פון דער קראנקען-קאסע איז בעטראכט געװארען דן פראגע װעגען די שטראפען װאס װענען לויט'ן געזעץ ארויפגעלעגט געװארען אויף די ארבײטס-געבער װאס האבען זײערע ארבײטער נישט אײנגעמאלדען אין דער צײט אין דער קראנקען-קאסע, און ס'איז גענומען געװארען אין אכט די יעצטיגע שלעכטע לאגע איבערהויפט פון די האנדװערקער, צוליב װאס עס איז בעשלאסען געװארען, אז די ארבײטסגעבער װאס װעלען אײנמעלדען די בײ זײ בעשעפטיגטע ארבײטער, ביז'ן 15 ד. ח., װעלען נישט דארפען צאהלען קײן שום שטראף פאר'ן נישט אײנמעלדען אין דער צײט.

װער עס װעט אבער ביז צו דעם טערמין נישט אײנמעלדען זײנע ארבײטער װעט בעשטראפט װערען לויט'ן געזעץ.

פון די יוד. האנדװערקער-קרײזען אינפארמירט מען אונז, אז די דאזיגע הנחה איז געמאכט געװארען לויט דער איניציאטיװ פון האנדװערקער-פעראײן.

גלײכצײטיג װערט ערקלערט, אז קינדער װאס ארבײטען בײ עלטערן אדער בײ ברודער און שװעסטער, און איבערהויפט קרובים װאס װאוינען צוזאמען װענען נישט אינטערעסירען די פליכט פונ'ם פערזיכערן אין דער קראנקען-קאסע.

שותפים פון אײן געשעפט דארפען נאר דאמאלס אײנגעמעלדען װערען װען זײ װענען אנגעשטעלט אין געשעפט און נעמען פענסיע אלס אנגעשטעלטע.

עס דארפען אײנגעמעלדען װערען לערן-יונגלעך כאטש זײ בעקומען נישט געצאהלט פאר זײער ארבײט.

# פאלשע 20-זלאטי-באנקנאטען.

אויסער די 5 זל. פאלשע באנקנאטען, האבען זיך לעצטענס בײ אונז אין שטאדט בעװיזען פאלשע נאכגעמאכטע 20 זל. באנקנאטען.

אין צוזאמענהאנג דאמיט האט די פאליצײ צוזאמענגעשטעלט א רײהע פאטאגראפען און ארעסטירט צװײ פערזאן: דוד הינדמאן (טארגאװא 2) און יאן אששעפא פון קערדװין, פאר לאזען אין פערקעהר פאלשע באנקנאטען.

# גאלד-מטבעות.

אויפ'ן געלד מארק װעלען זיך אין גיכען בעװײזען נײע גאלדענע מטבעות פון 20 און 30 זלאטעס, װעלכע װענען אויסגעפערטיגט אין דער פױלישער מינצערײ, אויף אײן זײט פון די מאנעטען איז אויסגעשלאגען דער פױלישער אדלער מיט א קרוין און א אויפשריפט „ושעטשפאספאליטא פאלסקא", און אויף דער צװײטער זײט—דער ביוסט פון קעניג באלעסלאװ כראברי, מיט'ן אויפשריפט „באלעסלאװ כראברי 1025—1095".

# היט די װאוינונגען!

ארויספאהרענדיג אויף זומער װאוינונג דארף מען געדענקען אין דער װאוינונג, װאס מען לאזט איבער אין דער הײם, און זײ װי געהעריג פערװעהען.

ה' פרענער איז ארויסגעפאהרען אויף זומער-װאוינונג און האט די װאוינונג געלאזט אהן אויפזיכט. האבען זיך דארט ארײנגעכאפט אײניגע גנבים און ארויסגענומען װעש אויף א װערט פון טויזענד זלאטעס. דאס דארף אלעמען דינען פאר א מוסר-השכל נישט איבערצולאזען די װאוינונגען אהן אויפזיכט.

# פערד װעט-גײעגען אין טשענסטאכאװ.

דורך דער איניציאטיװע פון א פיעטריקאװער געזעלשאפט, װעט אין טשענסטאכאװ אײנגעארדענט װערען אין דער צײט פון דער אויסשטעלונג, פון 22 ביז'ן 24 ה. ח. פערד װעט-גײעגען, אויף דעם ספעציעלען פלאץ אין זאטשיש.

װי מען פערזיכערט אונז װעלען די דאזיגע װעט-גײעגען זײן זעהר אינטערעסאנט, און עס װעלען זיך אין זײ בעטײליגען די גרעסטע ספארט קלובען אין פױלען, אזוי ציװילע װי מיליטערישע.

# װעגען פערענדיגען די שטאדט-געבײדעס.

מען טײלט אונז מיט:

אין איצטיגען בוי-סעזאן װערען פערענדיגט א רײהע שטאדטישע געבײדעס װאס װענען אנגעהויבען געװארען נאך אין פערגאנגענעם יאהר.

אזוי װערט אין קורצען שוין פערענדיגט דאס בויען פונ'ם הויז פאר די לעהרער פון די פאלקס - שולען אויף יאפנא גאס. אין דעם דאזיגען הויז װעלען זיך געפונען װאוינונגען פאר 12 לעהרער-פאמיליעס.

דאן װערט פערענדיגט א געבײדע בײם מאגיסטראט, פון װעלכער א טײל איז בעשטימט אויף ביורא'ס, און די אנדערע טײל אויף װאוינונגען פאר בעאמטע. עס װענען פערהאן אויסזיכטען אז די דאזיגע געבײדע װעט אין 2 חדשים ארום פולשטענדיג פערענדיגט.

אינטענסיװ װערט אויך געפיהרט די ארבײט בײם בויען די פאלקס-שול אין זאװאדא, װאו ס'װעלען אויפגעשטעלט װערען אײניגע װאוינונגען פאר די לעהרער, װי אויך א גרויסער זאל אויף גימנאסטישע איבונגען.

דער מאגיסטראט האט אויך בדעה צוצוטרעטען צו בויען הײזער פאר ארבײטער און בעאמטע, אבער צוליעב מאנגעל אין פינאנסען און קרעדיט, װעט נאך דויערן א געװיסע צײט ביז צום פערװירקליכען די דאזיגע פלענער.

# אבגעשטעלט דעם פערקעהר אין נײעם פארק.

אין צוזאמענהאנג מיט די פארבערײטונגען, װעלכע עס װערען געמאכט אין נײעם פארק צוליב דער בעפארשטעהענדער אויסשטעלונג, איז דער פארק פון דאנערשטאג אן פערמאכט געװארען, ביז דער צײט פון דער אויסשטעלונג.

# א בקשה.

מען בעט אונז צו פערעפענטליכען פאלגענדעס:

טשענסטאכאװער פרויען! שטיצט די אלמנה מיט די 7 יתומים פונ'ם פערשטארבענעם ר' פײחיש קירלאנד ז"ל, נישט מיט קײן נדבות נאר מיט ארבײט, זי װיל אננעמען צו נײהען, און װעט אײך מיט איהר ארבײט צופרידענשטעלען, איהר קענט פריהער פרובירען מיט קלענערע ארבײט און דאן װעט איהר זיך איבערצײגען, אז איהר קענט איהר אלערלײ ארבײט געבען און דערמיט דערהאלטען דאס לעבען פון א אלמנה מיט 7 יתומים.

# זי װיל אװעקגעבען איהר קינד צוליב נויט.

צו אונז האט זיך געװאנדען די פרוי שרה פײגע טאביאש נארנצארסקא 54 װעלכע האט געבוירען א מײדעל װאס איז איצט אלט 5 װאכען און זי האט נישט קײן מיטלען עס צו האלטען. זי װיל עס דעריבער אװעקגעבען א יודישע פאמיליע צו ערציהען פאר זײער קינד.

די מוטער איז גרײט דאס קינד א געװיסע צײט װײטער צו זײגען.

# טרינקט נישט קײן רויה װאסער.

פון א געװיסער צײט פערשפרײט זיך בײ אונז אין שטאדט עפידעמיע דורך טיפוס. אין דעם שפיטאל פאר אנשטעקענדע קראנקע אויף יאפנא גאס ליגען איצט 40 קראנקע אויף בויך-טיפוס. דעריבער דארף מען זײן זעהר פארזיכטיג און נישט טרינקען קײן רויה װאסער. און אינפאל פון שנעלער פערשװאכונג פון א פערזאן דארף מען איהם באלד איזאלירען און בכלל זײן װי װײט מעגליך פארזיכטיג.

# צוגאב שטיצע פאר ארבײטסל.

דאס מיניסטעריום פאר ארבײט און עפענטליכע אויפזיכט האט בעשטימט א צוגאב שטיצע פאר נײטיגע ארבײטסלאזע פון טשענסטאכאװ אין דער גרויס פון 3000 זלאטעס.

דאס אויסצאהלען די דאזיגע שטיצע איז פארגעקומען דינסטאג.

# פערזענליכעס.

די היגע אינזשעניער, יוזי-מאגיסטערס, די ה"ה ח. װילטשינסקי און י. שפערלינג װענען נאמינירט געװארען אלס אפליקאנטען בײם פיעטריקאװער קרײז-געריכט.

# נדבות אין רעדאקציע.

פון א סכסוך צװישען ה"ה יוריסטא און בערקאװיטש 7.20 פאר בית לחם.

**Szkoła Rzemiosł dla Żydów**

**ODDZIAŁY dla DZIEWCZĄT**

przyjmuje zapisy z dniem 15 sierpnia b. r. od godz. 10—12 w połud. w kancelarji własnej mieszczącej się przy ul. STRAŻACKIEJ № 5.

**Dział krawieczyzny, bieliźniarstwa, modniarstwa** oraz **robót ręcznych.**

טעאטער **נאװאישצי** אלעע 12.

ביז שבת דעם 7 אויגוסט.— סצענע און עקראן צוזאמען.— אויפ'ן עקראן דאס גרעסטע פילם-קונסט-װערק אין 8 אקטען, װעלכעס גיט אײנצײטיג די געלעגענהײט זיך צו איבערצײגען װי עס זעהט אויס א פילם-אויפנאהמע.

אין דער הויפט-ראלע מערי אסטאר, בעל ליאן. — — דער טיטול פון פילם איז:

**ŚMIERTELNY WYŚCIG**

אויף דער סצענע: דאס ארטיסטישע טעאטער „גן ערן פױגעל" פיהרט אויס די קאמישע פארס אין 1 אקט א"ט **PANI PREZESOWA** מיט'ן אנטײל פון גאנצען פערסאנאל פון **„RAJSKI PTAK"**

קינא „נאװר" 2 אלעע 43

פון שבת דעם 7 טרעט אויף די קינעמאטאגראפישע שעהנהײט בעבי דאניעלס אין 8 אקטיגען פילם פאר פרױען—קאמעדיע, פאר מענספערשױנען—דראמא, א. ז. װ.

**RATUNKU! ZOSTAŁAM MILJONERKĄ**

ליבעס איבערלעבונגען פון א לײכטזיניגע פרוי װעלכע האט פאר געלד געװאלט קויפען ליבע און גליק. — אויסערן פראגראם: אילוסטראציעס פון דער װאך. —

אויף דער סצענע: ZIELONY KAKADU מיט א גלענצענד נײעם פראגראם.

טעאטער „ארעאן" אלעע 27

לעצטער סעזאנס 10 אװענד.

פון שבת דעם 8 ביז דינסטאג דעם 10 אויגוסט.

הײנט! עקראן און סצענע צוזאמען. די לאנג נישט-געזעהענע ליבלינג פון פובליקום

**FERN ANDRA** אין איהר נײעסטע קרעאציע **MIŁOŚĆ--TO POTĘGA KOBIET**

צירק-דראמא אין 10 אקטען. נישט געזעהענע אטראקציעס.

אויף דער סצענע:

**איװאסיאװ-װאראנצאװיטש** טענצער - געזאנג-דועט.

**א. שפאקאװסקי** בערוהמטער קאמיק הומאריסט. **ט. ביל** בארעקטער טענץ

**פ. אמאראם** פאפולערער מוזיקלער הומאריסט. מוזיק! הומאר, געלעכטער! נײער פראגראם!


**Ceny ogłoszeń:** Za wiersz milimetrowy przed tekstem **24** gr., za tekstem **18** gr., w tekście **60** gr.— Szerokość kolumny obejmuje **8** szpalt ogłoszeniowych.

**Redaktor Izrael PŁOCKIER** **Wydawca B. BOCIAN** **Druk. B. BOCIAN I-sza Aleja № 6.**